**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 01/18/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנאר האקול געבט איבער אן אפדעיט ניו יארקער איבער סטעיט צוגרייטונגען אין בעפארגרייטונג צום ערווארטערטע לעיק אפעקט שניי

***שניי אויף זונטאג ברענגט זאמלונגען פון ביז פינעף אינטשעס אין געגנטער לענגאויס די מיד-האדסאן, ניו יארק סיטי און לאנג איילענד ראיאנען***

***לעיק אפעקט שניי וועט אפעקטירן געגנטער נעבן לעיק אירי און לעיק אנטעריאו פון היינט ביז כאטשיג דינסטאג***

***געגנטער נעבן לעיק אנטעריאו קענען זעהן צוויי ביז דריי פיס; געגנטער נעהן לעיק אירי אין די סאוטערן באפעלאו מעטרא געגנט קענען זעהן ביז איינס-א-האלב פיס***

***שווערע שניי האט די פאטענציאל צו אפעקטירן די וועגן צו און פון די ארבעט אדער שולע; שטארקע ווינטן פון ביז 50 מייל א שעה וועלן פאראורזאכן בלאזנדע שנייען, רעדוצירנדיג זעהבארקייט אויף שאסייען***

***שווערע קעלט קען אנקומען מאנטאג און אנהאלטן ביז מיטוואך, און קען פארערגערן אפעקטן פון סיי וועלכע קורצשלוסן***

***ניו יארקער קענען זיך איינשרייבן פאר וועטער און עמערדזשענסי אלערטס דורכן טעקסטן 333111***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט איבערגעגעבן די לעצטיגע נייעס פאר ניו יארקער איבער די סטעיט'ס צוגרייטונגען אין בעפארגרייטונג צו לעיק אפעקט שניי וואס איז ערווארטערט צו אפעקטירן געגנטער צום מזרח פון לעיק אירי און לעיק אנטעריאו אנגעפאנגען פון היינט, און פארזעצנדיג ביז כאטשיג דינסטאג נאכט. נאכפאלגנדיג א סיסטעם וואס וועט ברענגען ביז פינעף אינטשעס פון שניי צו די מיד-האדסאן, ניו יארק סיטי און לאנג איילענד ראיאנען אויף זונטאג, איז מאנטאג ערווארטערט צו ברענגען שניי וואס וועט צומאל זיין שווער מיט א מעגליכקייט פאר אזויפיל ווי דריי פיס פון שניי אין געגנטער נעבן לעיק אנטעריאו, אריינגערעכנט די טאג היל פלעטעאו, און ביז איינס-א-האלב פיס פאר געגנטער צו דרום פון באפעלאו, ווי די שעטאוקע ריטדש. די צאמשטעל פון שווערע שנייען און שטארקע ווינטן וועט פאראורזאכן געפארפולע רייזע אומשטענדן, ספעציעל בשעת די רייזעס צו און פון די ארבעט אדער שולע אויף מאנטאג און דינסטאג. קורצשלוסן וועלן מעגליך פאסירן און טעמפעראטורן אונטער זיראו פון מאנטאג נאכט ביז מיטוואך קען פארערגערן די אפעקטן פון סיי וועלכע קורצשלוסן.

"ניו יארק איז צוגעגרייט, און מיר טוען שטארק מוטיגן יעדער איינער אין די אפעקטירטע ראיאנען צו ערנסט נעמען דעם שטורעם," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "שווערע לעיק אפעקט שניי, געפארפולע ווינטן און ביטערע פרעסטן וועלן עס מאכן געפארפול צו ארומרייזן און קענען פירן צו קורצשלוסן. סטעיט אגענטורן זענען איינגעשפאנט און גרייט, אבער די מערסט פארזיכערטע אויסוואהל

איז צו באַגרעניצן רייזעס ווען מעגליך, מאַכן זיכער אַז מען האָט די סופּלייס צו די האַנט, זיך זאָרגן פאַר שכנים אין אַ הייקלע צושטאַנד, און זיך האַלטן אינפאָרמירט בשעת אומשטענדן טוען זיך ווייטער טוישן ביז דינסטאָג. אויב איר מוזט אַרויסגיין, זאָלט איר זיך געבן מער צייט פאַר'ן וועג און זיין פאָרזיכטיג."

געגנטער נעבן לעיק אָנטעריאָו קענען זעהן ברייט-פאַרשפּרייטע שניי זאַמלונגען פון איינס ביז זעקס אינטשעס אויף מאָנטאָג, מיט זאַמלונגען אין געוויסע ערטער פון ביז אַכט אינטשעס. אויף דינסטאָג, איז דאָ אַ מעגליכקייט פאַר שנייען אין פילע געגנטער פון ביז 10 אינטשעס, מיט די מעגליכקייט פאַר זאַמלונגען אין געוויסע געגנטער פון ביז צוויי פיס. דורכאויס די שווערסטע שניי, קען פאַלן ביז פיר אינטשעס אַ שעה. מען ערוואַרט די העכסטע זאַמלונג פון שניי אין צפון אָסוועגאָו, מערב לואיס און דרום דזשעפערסאָן קאַונטיס.

אין די זעלבע צייט, קענען געגנטער נעבן לעיק עירי זעהן זאַמלונגען פון איינס ביז פיר אינטשעס שניי אויף מאָנטאָג, מיט די מעגליכקייט פאַר זאַמלונגען אין געוויסע ערטער פון ביז אַכט אינטשעס. דינסטאָג, ווערט פאָרגעשאַצט ברייט-פאַרשפּרייטע שנייען פון ביז זעקס אינטשעס, מיט די מעגליכקייט פאַר זאַמלונגען אין געוויסע געגנטער פון ביז 10 אינטשעס. אין געוויסע צייטן, קענען שניי ראַטעס דערגרייכן ביז צוויי אינטשעס אַ שעה. די מעגלייכקייט פאַר די העכסטע שנייען הערשט אין דרום עירי, צפון שעטאָוקע און צפון קעטעראַגעס קאַונטיס.

ווינטן פון סיי לעיק עירי און סיי לעיק אָנטעריאָו וועלן זיך צאַמשטעלן מיט שנייען צו שאַפן שווערע רייזע אומשטענדן מיט בלאָזנדע שנייען און רעדוצירטע זעהבאַרקייט. טעמפּעראַטורן אונטער'ן פרירונג פונקט וועלן זיין גאָר געפערפול פאַר מאַטאָריסטן וועלכע קענען מעגליך בלייבן געשטראַנדערט. דרייווער זאָלן פאַרמיידן אומנויטיגע טרעוועל און זיך געבן מער צייט צווישן דעסטינאַציעס און זיכער מאַכן אַז זייערע וויהיקעלס פאַרמאָגן סופּלייס ווי דעקעס און וואַסער.

אין צוגאָב צו זיך צוגרייטן פאַר שניי און ווינטן, זאָלן ניו יאָרקער זיך אויך צוגרייטן זיך צו באַשיצן פון די געפאַרן וואָס קענען קומען צוליב קעלטערער וועטער און ווינטער אַקטיוויטעטן. אונטער סטעיט רעגולאַציע, גייט אַ 'קאָוד בלוי' אויטאָמאַטיש אַריין אין קראַפט ווען אימער די טעמפּעראַטור און די ווינט פילן זיך ווי ווייניגער פון 32 גראַד. לויט'ן געזעץ דאַרפן לאָקאַלע סאָציאַלע סערוויסעס דיסטריקטס נעמען נויטיגע שריט צו פאַרזיכערן אַז היימלאָזע מענטשן האָבן צוטריט צו שעלטער און אַז שעלטער שעות ווערן פאַרלענגערט. ניו יאָרקער ווערן געמוטיגט צו כאַפּן אַ בליק אויף די קאַלטע וועטער עצות פון די סטעיט געזונטהייט אָפּטיילונג (Department of Health); נאָך עצות צו פאַרמיידן פראָסטבייט און הייפּאָטערמיע אינפאָרמאַציע איבער קאַרבאָן מאָנאָקסייד פאַרגיפטיגונג ; אינפאָרמאַציע איבער די ריכטיגע באַנוץ פון גענעראַטורן; און פאַרזיכערטע ווינטער דרייווינג עצות.

די ניו יאָרק סטעיט לעיבאָר אָפּטיילונג (Department of Labor) טוט ראַטן פאַר אַרבעטער און אַרבעטסגעבער צו איינהאַלטן די עקסטרעמע קאַלטע וועטער בעסטע פּראַקטיצירונגען ווי:

- באַגרעניצן דרויסנדיגע אַרבעט, צושטעלן אָפטע הפסקות אין וואַרעמע ערטער, און אויסרעכענען די דרויסנדיגע אַרבעט פאַר די וואַרעמסטע צייטן אינעם טאָג.
- פאַרזיכערן צוטריט צו ריינע טרינק וואַסער.
- טרינקען גענוג וואַרעמע געטראַנקען און אַוועקשטיין פון טרינקען קאַפּיען.
- טראָגט ריכטיגע פערזענליכע באַשיצנדע געצייג (PPE), אַריינגערעכנט כאַטש דריי שיכטן פון קליידונג, הענטשוך, דיקע זאָקן, אינזולירטע שיך און אַ הוט, הוד אָדער האַרטע הוט ליינער.

זעהט מער אינפאָרמאַציע איבער רעקאָמענדירטע שריט פאַרן אַרבעטן אין קאַלטע וועטער.

ווינטער שטורעם ווארענונגען און ווינטער שטורעם עדווייזאריס זענען גאווארן ארויסגעשטעלט, און ניו יארקער זאלן נאנט נאכקוקן זייערע לאקאלע וועטער פארשאצונגען פאר אפדעיטס ארויסגעשטעלט דורך די נאציאנאלע וועטער סערוויס (National Weather Service). פאר א פולע ליסטע פון וועטער אלערטס, באזוכט די נאציאנאלע וועטער סערוויס'ס וועבזייטל.

ניו יארקער זאלן אויך זיכער מאכן אז זיי קענען באקומען רעגירונג עמערדזשענסי אלערטס אויף זייערע מאביל פאונס. זיי זאלן זיך אויך איינשרייבן צו באקומען בשעת מעשה'דיגע וועטער און עמערדזשענסי אלערטס – וועלכע וועלן געשיקט ווערן אלס טעקסט מעסעדזש צו זייערע טעלעפאנען – דורכן טעקסטן די נאמען פון זייער קאונטי אדער באראו צו 333111.

**אגענטור פארברייטערונגען**

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services)**
די דיוויזיע'ס אפיס פון עמערדזשענסי מענעדזשמענט (Office of Emergency Management) שטייט אין פארבינדונג מיט לאקאלע אינסטאנצן און זענען גרייט צו ארויסהעלפן מיט סיי וועלכע לאקאלע פארלאנגען פאר הילף. די סטעיט'ס זאפאסן זענען גרייט צו ארויסשיקן עמערדזשענסי אפרופונג מיטלען און סופלייס ווי נויטיג. די סטעיט וואַטש צענטער (State Watch Center), ניו יארק'ס 24/7 אלערט און ווארענונג צענטער, פאלגט נאך פון די נאענט די וועג וואס די שטורעם נעמט און די ווירקונגען אריבער די סטעיט.

**טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation)**
די סטעיט טראנספארטאציע אפטיילונג טוט נאכפאלגן וועטער אומשטענדן און איז גרייט צו רעאגירן מיט 3,692 אויפזעערס און אפערירער. ראיאנישע טיעמס זענען יעצט פארנומען מיט אקטיוויטעטן און צוגרייטונגען צו קענען רעאגירן צו שניי און אייז. אלע געגנטער וואו מענטשן וואוינען וועלן האבן מאנשאפט אויפ'ן ארט וואס זענען גרייט פאר אפעראציעס 24/7 דורכאויס די גאנצע שניי שטורעם און וויכטיגע אויפרייניגונג אפעראציעס.

אלע אוועילעבל שניי און אייז געצייג איז גרייט צו ווערן ארויסגעשיקט. פלאטע מעכאניקער וועלן זיך געפונען 24/7 אין אלע הויפט געגנטער וואו מענטשן וואוינען צו דורכפירן פארעכטונגען און האלטן טראקס אויפ'ן גאס. די צאלן פון עקוויפּמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1,642 גרויסע שארער טראקס
- 147 מיטעלגארטיגע שארער טראקס
- 53 טאָו שארערס
- 341 גרויסע לאודערס
- 35 שניי בלאזערס

די נויט פאר נאך מיטלען וועט ווערן איבערגעשאצט לויט ווי אומשטענדן פארלאנגען דורכאויס די שטורעם. פאר די לעבעדיגע רייזע אינפארמאציע, זאלן מאטאריסטן רופן 511 אדער באזוכן www.511NY.org אדער די מאביל זייטל אויף 511ny.org, ניו יארק סטעיט'ס אפיציעלע טראפיק און רייזע אינפארמאציע מקור.

**טרו-וועי אויטאריטעט (Thruway Authority)**

די טרו-וועי אטאריטעט שטייט גרייט צו רעאגירן מיט 687 אפערירער און אויפזעעערס אווײלעבל. די ציפערן פון די צאל געצייג און ריסאורסעס וואס זענען אווײלעבעל אינעם סטעיט זענען אויסגערעכנט פון אונטן:

- 343 גרויסע און מיטלגארטיגע שארער טראקס
- 11 טאָו שארערס
- 63 לאודערס
- +122,000 טאנען פון זאלץ גרייט צום באנוץ

עלעקטראנישע שילדן און סאָושעל מידיע (X און Facebook) ווערן גענוצט צו ווארענען דרייווערס איבער ווינטער וועטער אומשטענדן אויף די טרו-וועי.

דרייווערס ווערן דערמאנט אז טרו-וועי שניי שארער טראקס פארן מיט א שנעלקייט פון בערך 35 mph (מייל א שעה) – וואס איז אין פיל פעלער שטייטער פון די ערלויבטע ספיד לימיט – כדי צו זיכער מאכן אז די זאלץ וואס מען שפרייט אויס פארבלייבט אין די דרייווינג ליניעס און פארשפרייט זיך נישט אויף די זייטן פונעם שאסיי. די פארזיכערטסטע פלאץ פאר מאטאריסטן איז צו פארן גענוג ווייט פון די שארער-טראקס; דארט וואו דער שאסיי איז שוין אפגערוימט און באזאלצן.

די טרו-וועי אויטאריטעט מוטיגט מאטאריסטן צו דאונלאודען איר טעלעפאן עפּ וואס איז צו באקומען אומזיסט אויף איי-פאָון און ענדראָויד כלים. די עפּ טוט צושטעלן פאר מאטאריסטן דירעקטע לעבעדיגע טראפיק אינפארמאציע, לעבעדיגע טראפיק קאמערעס, און נאוויגאציע הילף בשעת זיין זענען אויפ'ן וועג. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס און נאכפאלגן @ThruwayTraffic אויף X פאר די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דעם טרו-וועי.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service)**
ניו יארק'ס יוטיליטי פירמעס האבן יעצט אומגעפער 5,500 ארבעטער שטייענדיג גרייט אריבער די סטעיט צו דורכפירן שאדן אפשאצונגען, זיך אפצורופן, פאררעכטן און צוריקברענגען סערוויס אריבער ניו יארק סטעיט. דעפארטמענט שטאב מיטגלידער וועלן נאכפאלגן די ארבעט פון יוטיליטי פירמעס דורכאויס די וועטער געשעעניש און פארזיכערן אז יוטיליטי פירמעס שיקן די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן די מערסטע באטראפן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי (New York State Police)**
סטעיט פאליציי טוט נאנט נאכפאלגן די פארשאצונגען און צוזאמענארבעט מיט די דיוויזיע פון הײמלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services), די טראנספארטאציע אפטיילונג, די טרו-וועי אטאריטעט, אפטיילונג פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation), אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע פרעזערווירונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation), און לאקאלע שותפים אין די צייט וואס ווינטער וועטער רוקט זיך אריין אין אונזער סטעיט. טרופערס און ספעציאליזירטע איינהייטן שטייען גרייט אין אלע ראיאנען צו רעאגירן צו סיי וועלכע וועטער-פארבינדעטע עמערדשענסיס, ארויסהעלפן מאטאריסטן, און שטיצן לאקאלע קאמיוניטיס אין פאל אומשטענדן פארערגערן זיך.

**דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC)**
די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס עמערדזשענסי מענעדזשמענט איינגעשטעלטע, ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשערס און ראיאנישע איינגעשטעלטע בלייבן

אויפן וואך און זעצן פאר צו נאכפאלגן די וועטער פארשאצונגען. ארבעטנדיג מיט שותפות'דיגע אגענטורן, איז DEC גרייט צו קאארדינירן די ריסאורס פארטיילונג פון אלע הילפס מיטלען וואס מען פארמאגט, אריינגערעכנט ערשטע הילף מאנשאפט, צו געצילטע געגנטער אין צוגרייטונג פאר פאטענציאלע אפעקטן צוליב הויכע ווינטן, שווערע רעגנס, שניי און אייז.

די DEC דערמאנט די וועלכע זענען פאראנטווארטליך צו שארן און אוועקפירן שניי צו אויספאלגן די רעקאמענדירטע סטאנדארטן צו העלפן פארמיידן פארפלייצונגען און רעדוצירן די פאטענציאל פון פארפעסטיגנדע מאטריאלן ווי זאלץ, זאמד, אוילן, מיסט און אנדערע שמוץ פון שעדיגן די וואסער קוואליטעט. אריינוווארפן שניי אין לאקאלע טייכלעך און וואסער-שטראמען קען שאפן אייז דאמבעס וואס קען פאראורזאכן פארפלייצונגען. פובליק און פריוואטע שניי שארער אפערירער זאלן זיין אויפמערקזאם איבער די זיכערהייט אנגעלעגנהייטן דורכאויס און נאך ווינטער שטורעמעס. נאך אינפארמאציע איז פארעפנטליכט אויף דיוויזיע פון וואסער טעכנישע און אפעראציאנעלע אנווייזונג סעריעס: שניי באזייטיגונג.

**שפאציר זיכערהייט**

ווינטער וועטער און שטורעמעס וואס זענען שווער צו פאראויסזעהן, אין די עדיראַנדעקס, קעטסקילס און אנדערע קאָנטרי ראיאנען, קענען שאפן אומערווארטעטע געפארפולע אומשטענדן. באזיכער זאלן זיין גרייט מיט פאסיגע קליידונג און עקוויפמענט פאר שניי, אייז און קעלט צו פארזיכערן א זיכערע ווינטער ערפארונג. די שניי טיפקייטן זענען אסאך אנדערש אריבער די עדיראַנדעקס, מיט די טיפסטע שנייען אויף הויכע בערג אין דעם ראיאן פון די בערג שפיצן און אנדערע בערג העכער 3,000 פיס. נידריגע טרעילס האבן געמישטע אומשטענדן פון שניי, אייז און סלאש, אריינגערעכנט פילע טרעילס אין די קעטסקיל בערג וואו עס הערשט די מעגליכקייט פאר אייזיגע טרעיל אומשטעדן.

קאָנטרי באזיכער זאלן הייקן קלוגערהייט און אויספאלגן די נויטיגע זיכערהייט אנווייזונגען. פלאנירט אויספלוגן זיך רעכענענדיג מיט דעם. אין אן עמערדזשענסי, רופט 9-1-1. צו בעטן הילף פון וואלד רעינדזשער, רופט 1-833-NYS-RANGERS. אין די צייט וואס עטליכע וואסערוועגן זענען יעצט געפרוירן, ראטן DEC אינדרויסנדיגע ענטוזיאסטישע צו איבערגיין אייז זיכערהייט אנווייזונגען איידער ארויסגיין אינדרויסן.

הייקערס ווערן געראטן צו צייטווייליג אוועקשטיין פון אלע העכערע טרעילס און אזוי אויך פון טרעילס וואס גייען אריבער טייכן און וואסער שטרוימען דורכאויס גרויסע שטורעם געשעהנישן. שפאצירער אין די אדיראנדאקס ווערן געמוטיגט צו איבערקוקן די DEC'ס וועב-בלעטער פאר די לעצטיגע נייעס איבער טרעיל אומשטענדן, סעזאנישע גאס פארשליסונגען, און אלגעמיינע אונטערהאלטונג אינפארמאציע.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation)**

ניו יארק סטעיט פארק פאליציי (New York State Park Police) און פארק איינגעשטעלטע זענען אויפן וואך און האלטן א נאענטע אויג אויף די וועטער אומשטענדן און ווירקונגען. אפרופונג עקוויפמענט ווערט אנגעפילט מיט גאז, אויספרובירט און צוגעגרייט צו ווערן גענוצט זיך אפצורופן צו די שטורעם. פארק באזיכער זאלן באזוכן parks.ny.gov, קוקן אויף די אומזיסטע NY State Parks Explorer טעלעפאן עפּ אדער אנרופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארק שעה'ן, עפענונגען און פארשליסונגען.

**עצות פאר פארזיכערטע ווינטער דרייווינג**

- קוקט נאך די פארשאצונגען פאר אייער לאקאלער געגנט און פאר געגנטער וואו איר וועט מעגליך פארן.
- פארמיידט אומנויטיגע טרעוועל.
- אויב איר מוז פארן, זאלט איר זיכער מאכן אז איר אייער קאר פארמאגט די וויכטיגסטע חפצים ווי דאכענעס, א שאוועל, פלעשלייט און איבעריגע באטעריס, נאך ווארעמע קליידונג, א סעט פון טייער-טשעינס, באטערי בוסטער קעיבלס, הויכ-ענערגיע עסנווארג און ליכטיג געפארבטע סחורה צו ניצן אלס צייכן אז איר נויטיגט זיך אין הילף.
- אויב איר האט א סעלפאון אדער אנדערע פארבינדונגס דעווייס, א שטייגער ווי א טו-וועי ראדיאו פאר אייער באנוץ, זאלט איר האלטן די באטעריס גע'טשארדש'ט און עס האלטן מיט זיך ווען אומער איר פארט ארום. אויב איר ווערט געשטראנדעט, וועט איר קענען רופן פאר הילף, אנגעבנדיג אייער לאקאציע פאר די רעטונגס לייט.
- די הויפט אורזאך וואס הרג'עט און פארוואונדערט מענטשן דורכאויס ווינטער שטורעמעס איז טראנספארטאציע אקסידענטן. פאר'ן זיך זעצן ביים רעדל, זאלט איר זיכער מאכן אז אייער וויהיקעל איז אפגערוימט פון אייז און שניי; קענען גוט זעהן איז גאר וויכטיג צו קענען גוט דרייווען. לייגט צו קאפ יעדעס מאל איר שטעלט זיך אפ און לאזט איבער געגוג פלאץ צווישן קארן. זייט ספעציעל וואכזאם און געדענקט אז שניי קען פארשטעלן קלענערע קינדער. פארט אויף א שנעלקייט וואס איז פאסיג פאר די שאסיי און וועטער אומשטענדן.
- עס איז וויכטיג פאר מאטאריסטן אויף אלע שאסייען צו אנמערקן אז שארער טראקס פארן אויף א שנעלקייט ביז 35 מייל א שעה, וואס איז אין פיל פעלער שטייטער ווי דער ערלויבטע ספיד לימיט.
- אפטמאל, וועלן שארער טראקס אפערירן איינס נעבן צווייטן אויף אינטערסטעיט הייוועי צו אפרוימען עטליכע ליניעס אויף א מאל פארזיכערטערהייט.
- מאטאריסטן און פיסגייער זאלן געדענקען אז שארער-טראק דרייווערס זענען באגרעניצט אין וואס זיי קענען זען, און די גרויסקייט און שווערע וואג פון די שארער-טראקס קענען שטארק פארשווערן די מעגליכקייט פון זיך קענען שנעל אוועקצודרייען אדער זיך אפשטעלן. די שניי וואס ווערט ארויסגעשפיגן פון הונטער'ן שארער טראק קען שטארק רעדוצירן זעהבארקייט אדער פאראורזאכן ווייט-אוט אומשטענדן.
- מאטאריסטן זאלן נישט פראבירן אריבערצופארן שארער טראקס אדער זיי נאכפארן צו נאנט. די פארזיכערטסטע פלאץ פאר מאטאריסטן איז צו פארן גענוג ווייט פון הונטער די שארער-טראקס וואו דער שאסיי איז שוין אפגערוימט און באזאלצן. פרובירט קיינמאל נישט צו באכאפן א שניי שארער בשעת עס איז אין אפעראציע.

**קורצשלוסן זיכערהייט עצות**

- גייט נישט נאנט און רירט נישט צו קיין געפאלענע אדער הענגעדיגע פאוויווער ליניעס: באגייט זיך מיט אלע דראטן אלס לעבעדיג און געפארפול. האלט קינדער און שטוב-באשעפענישן אוועק פון געפאלענע עלעקטרישע דראטן. רירט קיינמאל נישט צו קיין זאכן וואס זענען פארבינדן מיט דראטן.
- פרעגט אן ביי אייער יוטיליטי פירמע צו הערן די ארטיגע פאררעכטונג סקעדזשולס.
- לעשט אויס אדער שאלטערט אויס די לעקטער און אפלייענסעס כדי צו פארמיידן די סירקוט פון ווערן איבערגעשטרענגט ווען די סערוויס ווערט צוריק גענפנט; לאזט איין לעקטער אנגעצינדן כדי איר זאלט וויסן ווען די עלעקטריציטעט קומט צוריק.
- אויב די הייצונג לעשט זיך אויס דורכאויס א שטורעם, האלט זיך ווארעם דורכן פארמאכן סיי וועלכע צימערן וואס איר דארפט נישט.

**צו באריכטן אן עלעקטריציטעט קורצשלוס, רופט:**

Central Hudson: עלעקטריק: 800-527-2714 אדער גאז: 800-942-8274
Con Ed: עלעקטריק: 800-752-6633 אדער גאז: 800-752-6633
Corning Gas: 800-834-2134
Liberty Utilities (St. Lawrence Gas) Corp.: 800-673- 3301
National Fuel Gas: 1-800-444-3130
נעשענעל גריד:

- עלעקטריק: 800-867-5222
- לאנג איילענד (גאז): 1-800-490-0045
- Metro NYC (גאז): 1-718-643-4050
- אפסטעיט (גאז): 1-800-892-2345

NYSEG: עלעקטריק: 800-572-1131 אדער גאז: 800-572-1121
O&R: עלעקטריק: 877-434-4100 אדער גאז: 800-533-5325
PSEG-LI: 800-490-0075
RG&E: עלעקטריק: 800-743-1701 אדער גאז: 800-743-1702

פאר מער זיכערהייט טיפס, גייט צו www.dhses.ny.gov/safety.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן